# **פרשת נח כ"ח תשרי – ד' חשון תשע"ז לפ"ק**

***יום ראשון פרשת נח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל כתיבת ספר תורה שהתקיים בבית הר"ר **יאיר גרינצוויג** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל כתיבת ספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **ברוך גרינבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת נח***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לבית חתנו **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** והשתתף בסעודת הודאה של נכדו הבחור **יוסף ראזנער** נ"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז באמת א גרויסע שמחה פאר די גאנצע משפחה, און פאר אלע גוטע פריינד, אז מען זיצט ביי אזא סעודה, נאכדעם וואס מען איז אדורכגעגאנגען אזעלכע שווערע זמנים, און דער אייבערשטער האט ב"ה געהאלפן, ער האט צוגעשיקט א גאנצע רפואה. דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך, מיט לאנגע געזונטע יארן.

**מען** געפונט אז דוד המלך רופט אן כלל ישראל, בני יעקב ויוסף סלה (תהלים עז-טז), מיר זענען קינדער פון יעקב און פון יוסף. די גמרא (סנהדרין יט:) שטעלט זיך שוין, אז פון יעקב זענען מיר טאקע אלע קינדער, אבער פארוואס רופט ער אונז אן אז מיר זענען קינדער פון יוסף, יוסף איז דאך נאר געווען איין שבט פון די צוועלף שבטים, יוסף איז נישט די זיידע פון יעדן איינעם. זאגט די גמרא, ווייל יעקב ילד ויוסף כילכל, יעקב האט געבוירן די קינדער, און יוסף האט געגעבן צו עסן פאר יודען אין מצרים. ווען מען וואלט נישט געהאט וואס צו עסן, וואלט מען אויסגעגאנגען ברעב, ווערן מיר אנגערופן קינדער פון יעקב און פון יוסף.

**איך** וואלט געטראכט נאך א טעם, פארוואס מיר ווערן אנגערופן קינדער פון יעקב און פון יוסף. ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם לעבן פון יעקב אבינו, איז ער אדורכגעגאנגען כל ימיו זייער א שווערן לעבן. פון די ערשטע מינוט, ביז זיינע לעצטע זיבעצן יאר, וואס ער איז געווען אין ארץ מצרים, וואס דעמאלטס איז ער געזעסן ברומו של עולם. אבער אויסער דעם, איז רוב פון זיינע יארן אדורכגעגאנגען מיט שוועריקייטן. עס האט זיך אנגעהויבן נאך פאר ער איז געקומען לאויר העולם, וואס ער האט געהאט צו טון מיט עשו, ויתרוצצו הבנים בקרבה (בראשית כה-כב), מען האט זיך שוין געקריגט. ווען ער איז ארויסגעקומען איז עשו געווען א איש יודע ציד איש שדה, אינגאנצן נישט די זעלבע פון יעקב. שפעטער ווען יעקב האט מקבל געווען די ברכות, האט ער געדארפט אנטלויפן פון טאטענ'ס שטוב, איבערלאזן דעם פאטער, און אוועקגיין צו לבן הארמי אין שטוב. ווען ער האט אויפגעשטעלט די שבטי י-ה, האט ער געהאט שפעטער א פראבלעם מיט דינה. נאכדעם האט ער געהאט מיט יוסף, זיין געליבטן זון, וואס מען האט אים פארקויפט אויף מצרים. אין מדרש (פתיחתא לאיכ"ר כד), ווען מען רעדט פונעם חורבן בית המקדש, האט יעקב געזאגט, רוב ימי הייתי בצער גדול, רוב פון מיינע יארן איז אדורכגעגאנגען מיט שוועריקייטן.

**יוסף** איז אויך געווען די זעלבע. נישט אלע זיינע יארן, אבער א חלק פון זיינע יארן. ער האט נישט געקענט אויסקומען מיט די ברודער'ס, וישנאו אותו (בראשית לז-ד). און ויקנאו בו אחיו (שם לז-יא), מען האט אים מקנא געווען, און מען האט אים פארקויפט קיין מצרים. וואס אמאל פארקויפן קיין מצרים האט געמיינט, אפגעהאקט פון זיין טאטע יעקב און פון די שבטים, וואוינען אליין אין מצרים, איין יוד אין אזא מדינה, וואס א עבד האט נישט געקענט אנטלויפן פון דארט. בדרך הטבע איז געווען אפגעזיגלט זיין לעבן צו בלייבען אזוי זיין גאנץ לעבן אין מצרים אליין. נאכדעם איז ער אנגעקומען צו פוטיפר אין שטוב, און די נסיונות וואס ער האט געהאט דארט, און מען האט אים

אריינגעלייגט אין תפיסה. ביז די דרייסיג יאר איז ער אדורכגעגאנגען א שווערע זמן.

**שפעטער** שטעלט זיך אבער ארויס, אז אלע שווערע זמנים זענען געווען לטובה. פון יוסף רעדט מען דאך גארנישט, מען האט אים פארקויפט פאר א עבד, און וואס איז געווען דער סוף פון ויקנאו בו אחיו, אז ער איז געווארן משנה למלך. פון די דרייסיג יאר ביז די הונדערט און צען יאר, אכציג יאר איז ער געווען משנה למלך אין מצרים, און ער האט געקענט מפרנס זיין גאנץ כלל ישראל. ששים רבוא יודען האט ער מפרנס געווען, און געגעבן פאר זיי זייער פרנסה. אלעס וואס האט אויסגעקוקט קודם אז עס איז נישט גוט, איז שפעטער נתהפך געווארן לטובה.

**יעקב** אבינו איז געווען זיין טובה, אז ער האט זיך צוקריגט מיט עשו. דער ברודער האט אים אפגעלאזט. ער האט נישט געהאט קיין שייכות מיט דעם ברודער, און אזוי האט ער געקענט זיצען און לערנען, און אויסוואקסען א איש תם יושב אהלים. ער האט טאקע געדארפט אנטלויפן שפעטער צו לבן, אבער ער האט דארט אויפגעשטעלט א גוטע שטוב. ער האט געטראפן דארט לאה מיט רחל, און אויפגעשטעלט די י"ב שבטי י-ה. מען האט טאקע צוגענומען פון אים יוסף, און מען האט אים פארקויפט פאר א עבד, אבער ראוי היה יעקב לירד למצרים בשלשלאות של ברזל, אלא שזכותו גרמה לו (שבת פט:). שפעטער מיט די יארן האט זיך אויסגעשטעלט, אז אלעס וואס איז אדורכגעגאנגען אויף אים, איז אלעס געווען לטובה.

**עס** שטייט אין ספרים הק', אז ווען יודען זענען געקומען קיין מצרים, שטייט אין פסוק (שמות א-ה) ויוסף היה במצרים, יוסף איז געווען אין מצרים. אלע שבטים זענען דאך געווען אין מצרים, וואס איז דער ויוסף היה במצרים. נאר דער פשט איז, אז דער סימבאל פון יוסף, האט מיטגעלעבט ביי יודען אין מצרים. ווען מען האט געקוקט אויף די שווערע זמנים וואס עס גייט זיין, מען האט אונז אריינגעלייגט אין מצרים, מיט א עבודת הפרך, וואס וועט זיין מיטן כלל ישראל. האט מען געקוקט, יוסף האט אויך געמיינט אז עס איז עק וועלט, און עס איז נישט געווען עק וועלט. מען האט אים פארקויפט פאר א עבד, און קוק וואס עס איז געווארן פון יוסף. 'ויוסף היה במצרים', דער סימבאל פון יוסף, דאס איז געווען אין מצרים, וואס האט געהאלטן יודען.

**די** זעלבע איז כלל ישראל, מיר זענען קינדער פון יעקב און פון יוסף, אונז לעב מיר מיט דעם וואס אונז האב מיר געזען ביי יעקב און ביי יוסף, אז פון אלע רעות זעהט מען שפעטער די טובה. אמאל נעמט עס א טאג, אמאל א חודש, א יאר, צען יאר, דרייסיג יאר, עס קען אדורכגיין אסאך יארן ביז מען זעהט די תוצאות און די טובות וואס מען האט אמאל געמיינט אז עס איז נישט גוט. אבער א יוד דארף מיט דעם לעבן, און גלייבן אז אלעס איז מיט א השגחה פרטית פונעם רבונו של עולם. און פון יעדע זאך וואס קוקט אויס לרעה, קומט ארויס א טובה וואס עס איז לתכלית הטוב.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (**תורת משה** פרשת עקב נז. ד"ה שמע ישראל) שרייבט, אז די גמרא (ברכות מד.) זאגט, השותה מים לצמאו, ווען א מענטש איז דורשטיג און ער טרינקט וואסער, דארף ער מאכן די ברכה בורא נפשות רבות וחסרונן, על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי, ברוך חי העולמים. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, ווען א מענטש איז דורשטיג, און דער אייבערשטער גיט אים צו טרינקען, גיט ער א הודאה פארן רבונו של עולם. אין בין דורשטיג, און דו האסט מיר געגעבן צו טרינקען. ער האט אבער אין די זייט א געוויסע תביעה, פארוואס האסטו מיך געמאכט דורשטיג? מאך מיך נישט דורשטיג, און גיב מיר נישט קיין וואסער. ער דאנקט טאקע דעם אייבערשטען אויף די טובה, אבער עפעס ליגט דאך דא פאר דעם, וואס האט אים צוגעברענגט דערצו.

**זאגט** דער **חתם סופר**, אז דאס וואס א מענטש איז דורשטיג, און ער איז הונגעריג, ער דארף עסן און טרינקען, איז וויין ווען ער וואלט נישט געווען דורשטיג און הונגעריג וואלט ער פארגעסן אז עס איז דא א רבונו של עולם אויף די וועלט. ער וואלט געלעבט ווי א בהמה, וואס האט וואס צו עסן און

צו טרינקען, און ער ווייסט נישט פונעם באשעפער. כדי מיר זאלן געדענקען אז עס איז דא א באשעפער וואס גיט אונז אלעס וואס מיר דארפן צו האבן, האט דער אייבערשטער געמאכט אז א מענטש איז הונגעריג, און ער איז דורשטיג, און ער איז יעדן טאג אנגעוויזען פון ווי ברענג איך מיין פרנסה, און דורך דעם האט ער א שייכות צום רבונו של עולם. יעדע חסרון וואס א מענטש האט, איז די סיבה דערפון, כדי עס זאל אים נענטער ברענגען צום אייבערשטען.

**'השותה** מים לצמאו', ווען א מענטש טרינקט וואסער, ווייל ער איז געווען דורשטיג, און ער דארף דאנקען דעם אייבערשטען, וואס איז די ברכה וואס ער דאנקט דעם באשעפער. ער זאגט 'בורא נפשות רבות', דער אייבערשטער האט באשאפן אסאך נפשות, 'וחסרונן', און ער האט זיי געגעבען אז זאכן פעלן זיי, ער האט נישט אלעס, יעדע מענטש האט א זאך וואס עס פעלט אים. און איך דאנק דיר, נישט נאר אויף דעם וואס דו האסט מיר געגעבן, נאר איך דאנק דיר אייבערשטער, אז דו ביסט בורא נפשות רבות, אז דו האסט באשאפן מענטשען, וחסרונן, און דו האסט זיי באשאפן אז עס זאל זיי שטענדיג עפעס פעלן. און די הודאה וואס איך דאנק דיר אויף די חסרונן, איז מער פון וואס איך דאנק דיך אויפן וואסער. דאס וואס דו האסט מיך געמאכט דורשטיג, און דורך דעם וועל איך שטענדיג זיין אנגעוויזען אויפן חסד ה', אויף דעם דאנק איך דיך 'על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי', נאך מער ווי וואס איך דאנק דיך אויף דעם וואס דו האסט באשאפן מיט וואס איך זאל קענען לעבן. ווייל דורך דעם איז 'ברוך חי העולמים', לעבט א מענטש אויף צוויי עולמים, ער לעבט אויף די וועלט, און ער איז נאכדעם זוכה צו חיי עולם הבא. יעדע מצב וואס א יוד גייט אדורך, דארף ער וויסען, אז דאס ברענגט אים נאנטער צום אייבערשטען. מען איז מער מתפלל, און מען איז זיך מער מתבונן, ווי דער סדר פון א מענטש איז. און אויף די חסרונן דארף א מענטש אויך דאנקן דעם אייבערשטען.

*

**די** גמרא (מגילה יא:) זאגט, אין ויהי אלא לשון צער, און והיה איז א לשון שמחה (ויק"ר יא-ז). וואס איז דער חילוק? פארוואס 'ויהי' שרייבט מען ביי א לשון צער, און 'והיה' שרייבט מען ביי א שמחה. עס שטייט אין מפרשים, אז ויהי איז א לשון עבר, און והיה איז א לשון עתיד. ווען א מענטש קוקט שטענדיג אויפן עבר, ער איז אייביג פארנומען מיט וואס עס איז אדורכגעגאנגען, איז עס א לשון צער, לעבט ער שטענדיג מיט א צער. אין ויהי אלא לשון צער, ווען א מענטש איז שטענדיג פארנומען מיטן 'ויהי', מיט וואס עס איז געווען, מיט וואס ער האט מיטגעמאכט וכדומה, איז עס א לשון פון צער. 'והיה', ווען א מענטש קוקט נישט אויפן עבר, נאר ער לעבט מיטן עתיד, דאס איז א לשון שמחה, דעמאלטס קען ער לעבן מיט א שמחה, ווייל דער עתיד פון א מענטש קען זיין זייער שיין. ווען ער איז פארנומען מיטן 'ויהי', דעמאלטס איז עס א לשון צער, אבער ווען עס איז 'והיה', מיט וויפיל מען איז אדורכגעגאנגען, און וויפיל מען האט זיך געפלאגט, איז מען פארנומען מיט וואס דער עתיד איז, דאס איז א לשון שמחה.

**דער** פסוק (תהלים צא-טז) זאגט, אורך ימים אשביעהו, ואראהו בישועתי. די אינעווייניגסטע אותיות פון די ווארט 'יום', איז אויך 'יום'. ווען מען שרייבט א י' מיטן מילוי, יו"ד, זענען די אותיות וא"ו מיט דל"ת אויך יו"ד. דער ו' שרייבט מען ו"ו, און דער מ' איז מ"ם. יעדער יו"ם איז די מילוי דערפון אויך א יו"ם. דאס איז מרמז, אז א מענטש דארף נישט לעבן מיטן היינטיגען יום, נאר ער דארף לעבן מיט דעם, אז אין דעם יום זאל ער זעהן אז עס איז דא נאך א יום, עס איז דא א יום לעתיד. אפילו דער היינטיגער יום איז מיר נישט געווען אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז נאכנישט פארפאלן, עס איז דא אנדערע טעג וואס דער אייבערשטער וועט העלפן אז מען וועט אויפגעלאכטן ווערן.

**יוסף** איז געווען בבית האסורים, און זיך געפלאגט אין מצרים, עס איז אים נישט איינגעפאלען אז עס קען קומען אזא סארט ישועה, אז ער זאל אמאל זיין משנה למלך אין מצרים. אפילו מען זאל אים שוין ארויסלאזן פון תפיסה, קען ער אויך נישט ווערן א מלך, ווייל א עבד האט נישט געקענט

ווערן א מלך אין מצרים. און פון דעסטוועגן דאך האט אים דער אייבערשטער געהאלפן, אז ער איז אויסגעוואקסן שפעטער וואס ער איז אויסגעוואקסן. - מען דארף שטענדיג לעבן מיטן עתיד, וויסן אז איך גיי צוריק צו מיין פריערדיגן עבודת ה', איך גיי מיט דעם ווייטער אנהאלטען אי"ה, עס ווארט מיר א גלענצענדען עתיד אויף שפעטער. דאס דארף שטענדיג געבן חיזוק פארן מענטש אינעם לעבן.

**וועגן** דעם האט דער יום אין זיך נאך א יום, מען זאל נישט קוקען אויפן היינטיגען יום, נאר קוקען אויף דעם באהאלטענעם יום וואס מען זעהט נאך נישט, און דעמאלטס קען זיך א מענטש מחזק זיין. דאס איז 'אורך ימים', מען ציהט אויס דעם יו"ם מיטן מילוי, יו"ד ו"ו מ"ם, געפונט מען אינעם 'יום' נאך א 'יום'. 'אורך ימים אשביעהו', דער אייבערשטער זאל דיך משביע זיין מיט אורך ימים, מען זאל אוסציען דעם יו"ם, וויסען אז אין יעדן יו"ם איז דא באהאלטן נאך א יו"ם וואס ליגט אין דעם. 'ואראהו בישועתי', און דער אייבערשטער וועט דיר ווייזען די ישועה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אזוי ווי ער האט געהאלפן ביז יעצט, זאלסטו קענען ווייטער אויך שטייגען אין תורה און יראת שמים, און מיר אלע זאלן זעהן ביי דיר אסאך תענוג ונחת דקדושה. און פאר אלע מסובים, וואס יעדער איינער דא איז א חלק פון די שמחה, זאל דער אייבערשטער בענטשען, אז מען זאל געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס מען דארף האבן, און מיר זאלן קענען שטענדיג זיך צוזאמקומען נאר מתוך שמחה וטוב לבב. דער באשעפער זאל אונז געבן אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי, און מתוך שמחה ונחת זאלן מיר זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

__*יום רביעי פרשת נח*__

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך (הל' שבת דיני בורר).

*

__*יום חמישי פרשת נח*__

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **יצחק מרדכי** נ"ו בן הרה"ג רבי **שמחה אהרן שטראלי** שליט"א דומ"ץ דקהלתנו בוומסב"ג, עב"ג בת הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. - אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **חיים אלטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

__*שבת קודש פרשת נח*__

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **יצחק מרדכי** נ"ו בן הרה"ג רבי **שמחה אהרן שטראלי** שליט"א, דומ"ץ דקהלתנו בוומסב"ג, חתן הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש** הי"ו. - בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א את הדומ"ץ שליט"א** בברכה אחריתא.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרה"ג רבי **שמחה אהרן שטראלי** שליט"א, שהתקיים בבית מדרשנו בוויליאמסבורג.